טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ט | גליון 161 | במדבר-שבועות | תשפ"ו לפ"ק



# די זיסע ליכטיגקייט פון תורה
## דורך אפהיטן די אויגן

א

## פתח דבריך יאיר; שמירת עינים - דער שליסל צו קונה זיין תורה

### די ערשטע הכנה צו קבלת התורה: זיין אפגעהיטן

אריינטרעטנדיג אינעם הייליגן יום טוב שבועות, זמן מתן תורתינו, ווען מיר גייען פריש מקבל זיין די תורה, און דאס הארץ פון יעדן איד איז פול מיט תשוקה צו שטייגן און וואקסן אין תורה הק', צו פארשטיין אירע הייליגע ווערטער און זיך דערהייבן דורך זיי, איז אוודאי א זמן גרמא אריינצובליקן אין פרק "קנין תורה" (אבות פ"ו מ"ה), וואו ס'ווערן אויסגערעכנט די מ"ח דברים מיט וועלכע א איד איז קונה די תורה, און זיך אפשטעלן אויף איינעם פון זיי: "בטהרה".

"בטהרה" איז טייטש זיך צו האלטן הייליג און ריין, היטן די אויגן און די מחשבה פון דברים אסורים. דאס איז פון די קנינים וואס א איד דארף האבן איידער ער גייט צו לערנען די תורה הקדושה, ווייל דאס וועט אים העלפן ער זאל קענען ווערן איינס מיט דער תורה. אויב אבער היט מען זיך נישט די אויגן און די מחשבה ווי ס'דארף צו זיין, קענען זיי נישט לייכטן אין דער תורה, ווייל די תורה איז הייליג און זי קען נאר רוען וואו ס'איז דא קדושה (ע"פ מדרש שמואל).

דער **תנא דבי אליהו**[א] (רבה פי"ח) שרייבט: "אויב ווילסטו לערנען און דו גלוסט צו תורה, לערן דיך אפ פון וואס די אידן האבן געטון איידער זיי זענען געגאנגען מקבל זיין די תורה - זיי האבן זיך קודם אפגעשיידט פון עבירות און פון יעדער אומריינער זאך, און אזוי האבן זיי געקענט צוגיין צו קבלת התורה!"

אזוי שטייט אין ספה"ק **זרע קודש** (סוף פרשת יתרו): **"והתקדשתם היום ומחר. כי אי אפשר לזכות לתורה רק על ידי פרישות מתאוה"**. - מ'קען נישט זוכה זיין צו תורה, נאר דורך זיך אפשיידן פון אומריינע גליסטענישן!

## זכות הדפסת הגליון

נתנדב לעי"נ הרה"ג
רבי **פנחס חיים** ב"ר **נפתלי הלוי**
**רובינפעלד** ז"ל

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן.

## זכות הדפסת הגליון

נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **אברהם מאיר איצקאוויטש** שליט"א
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בן ציון** ב"ר **יעקב** ע"ה
יארצייט ד' סיון

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן.

## תוכן הגליון

**מאמר התחזקות:**
די זיסע ליכטיגקייט פון תורה ........................ 1-5
**נפלאות הבורא תשפ"ו:**
א נייע הארץ דורך שמירת עינים!..................... 6
**בריוו פון הארץ:**
אקדמות אינמיטן גאס ................................ 7-8

## שמירת עינים עפנט אלע קוועלער פון חכמת התורה

דער יסוד געפינען מיר אין אומצאליגע מאמרי חז"ל וספרי קודש, אז ווען א איד היט זיך בקדושה, שיקט אים דער רבש"ע א געוואלדיגע הצלחה אין לימוד התורה, און מיט יעדעס ביסל וואס מען היט זיך מער די אויגן, אלץ מער קען מען בעסער פארשטיין דאס לערנען, און אלץ מער שפירט מען די זיסקייט און געשמאק אין די הייליגע ווערטער פון דער התורה.

די **גמרא** דערציילט (ברכות יז, א) אז ווען די תלמידים פון רבי אמי האבן זיך געזעגנט איינער פונעם צווייטן, האבן זיי זיך געוואונטשן מיט די ווערטער: **'עַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ נֶגְדֶּךָ, עיניך יאירו במאור תורה'** - דיינע אויגן-ברעמען זאלן קוקן גראד, און דיינע אויגן זאלן לייכטן מיט דער שיין פון דער תורה. זאגט דערויף דער הייליגער **שבט מוסר** (בספרו מדרש האתמרי ע' שיז) אז די צוויי זאכן גייען צוזאמען, ווייל אויב די אויגן קוקן ריכטיג, זיי זעען נישט קיין ראיות אסורות, וועלן זיי לייכטן און שיינען אין דער תורה הקדושה.

אזוי שטייט אין ספה"ק **זרע קודש**[ב] (ויקהל ד"ה ויעש בצלאל את הארון) אז עס זענען פארהאן נ' שערים פון הבנת התורה, און נ' שערים פון תשובה, און מיט יעדע שער וואס א איד גייט העכער מיט תשובה ותיקון המעשים, באקומט ער נאך א שער פון הבנת התורה, **דאס איז ממש תלוי איינס אינעם צווייטן!** לעניננו מיינט דאס, אז יעדעס מאל וואס א איד האלט זיך צוריק פון א ראיה אסורה; יעדעס מאל וואס מ'גייט א שטאפל העכער אין אפגעהיטנקייט מיט תיקון המעשים, **ווערט מען אויפגעהויבן צו נאך א דרגא העכער אין הבנת התורה!**

ב

# שאין לך מדה טובה הימנה; אין תורה ליגט יעדע סארט מדריגה פון קרבת ה'

## די אויסטערלישע כוחות הקדושה פון דער תורה

ווען מ'רעדט וועגן באקומען א הבנה און השגה אין תורה, ווייסן מיר אלע אז **די הייליגע תורה** איז נישט בלויז א טרוקענער **לימוד צו לערנען און פארשטיין**, נאר באמת ליגט אין דער תורה אלע טיפע השגות און הויכע דרגות וואס א איד קען דערגרייכן, יעדער לויט זיין דרגה. דער חלק פון פארשטיין תורה איז בלויז די התחלה און די ערשטע שטאפל וואס מען מוז האבן כדי צו קענען אנקומען צו די גרעסערע מדריגות וואס תורה קען געבן פאר'ן מענטש. די הבנה פון תורה איז ווי דער פונדאמענט פון א גרויסן בנין, וואס אן דעם פונדאמענט קען מען גארנישט בויען, אבער ווען


> די הייליגע תורה איז נישט בלויז א טרוקענער לימוד צו לערנען און פארשטיין, נאר באמת ליגט אין דער תורה אלע טיפע השגות און הויכע דרגות וואס א איד קען דערגרייכן, יעדער לויט זיין דרגה. דער חלק פון פארשטיין תורה איז בלויז די התחלה און די ערשטע שטאפל וואס מען מוז האבן כדי צו קענען אנקומען צו די גרעסערע מדריגות וואס תורה קען געבן פאר'ן מענטש.


ס'איז שוין יא דא דער פונדאמענט קען מען בויען גאר אסאך גרויסע שטאקן, איינס העכער פונעם צווייטן.

דאס איז וויכטיג צו האלטן פאר די אויגן ווייל עס זענען דא מענטשן וואס בלייבן אלעמאל שטיין ביים פונדאמענט. דער מענטש איז צופרידן אויב ער איז מצליח צו לערנען א בלאט גמרא אדער סעיפים און שו"ע, און ער שפירט אז ס'איז שוין נישטא עפעס טיפער אין דער תורה הק'. אבער **למעשה ליגט נאך אין דער תורה אסאך מער כוחות** וואס קען אים ווען ארויפברענגען צו אזעלכע שטאפלען וואס ער קען זיך ניטאמאל פארשטעלן, און ס'איז פשוט א שאד אז דער מענטש ווייסט נישט דערפון...

### די פאטענציאל פון תורה איז אומבאגרייפליך...

משל למה הדבר דומה: א גרויסער גביר האט זיך געלאזט אויפבויען א ריזיגער וואלקנקראצער געביידע, וואו יעדע שטאק איז געווען אויסשטאפירט מיט אויסטערלישע אוצרות און תענוגים וסגולת מלכים, בכמות ובאיכות. ער האט אויסגעשטעלט די געביידע מיט א סיסטעם אז מיט יעדן שטאק וואס מ'גייט ארויף העכער, באגעגנט מען אלץ גרעסערע און מער וואונדערליכע תענוגים און חכמות, וואס זענען ווי גארנישט קעגן די רייכטומען פון א שטאק נידריגער. און אזוי גייט דאס העכער און בעסער, לענגאויס אומצאליגע שטאקן.

ויהי היום, דער גביר האט איבערגעגעבן דעם טייערן בנין פאר זיין בן יחיד, זאגנדיג: "מיין טייער קינד, איך געב דיר איבער מיין געביידע, מיין שטאלץ, נוץ עס אויס פאר דיין תועלת!" - דער זון איז אבער נישט געווען קיין גרויסער בעל השגה, און ווען ער האט באקומען דעם בנין איז ער אריינגעגאנגען אינעם ערשטן שטאק, וואו ער האט געטראפן גאר שיינע איינריכטונגען, **און ער איז געבליבן דארט זיצן באקוועם אן קיין שום פלאן צו גיין ווייטער...** ס'איז אים נישט איינגעפאלן אז די ערשטע שטאק איז בלויז א הקדמה און א פארשפיל צו די אומשאצבארע עשירות וואס מ'קען באקומען אין די העכערע שטאקן.

אזוי איז אריבער חדשים און יארן, ביז א קלוגער מענטש האט אים געזאגט: **"דו ווייסט וואס דו פארמאגסט דא העכער דיין קאפ?!** דו נוצט דאך ממש א מיליאנסטל פון דעם פאטענציאל וואס דיין טאטע האט דיר געגעבן! די שיינע זאכן פון דעם אונטערשטן שטאק זענען ניטאמאל א משל צו די אוצרות וואס דו קענסט ערגרייכן אויב דו וועסט אנהויבן ארויפגיין א שטאק נאך א שטאק!"

## תורה איז די התחלה צו אלע מדריגות

ווען מען קוקט אריין אין סיי וועלכע ספר פון בעלי רוה"ק, עפענט זיך אביסל די אויגן צו פארשטיין וואס פארא רכוש עס ליגט באהאלטן אין דער תורה הק'. ווען א איד לערנט אפ און פארשטייט א שורה תורה איז דאס זייער הייליג, אבער ס'איז נאר א התחלה, ווייל באמת האט די תורה יעדע מדה און יעדע כח וואס קען ברענגען פאר'ן מענטש אלע ערליי השפעות און אים מקשר זיין צו השי"ת מיט'ן שטארקסטן דביקות. ס'איז נישטא קיין מדה און קיין מדריגה וואס מ'קען נישט באקומען דורך די הייליגע תורה!

אזוי זעט מען אין דעם באקאנטן **ברייתא** פון **רבי פנחס בן יאיר** (ע"ז כב, ב), **תורה מביא לידי זהירות, זהירות מביא לידי זריזות**, און די ברייתא רעכנט אויס א גאנצע לייטער פון מדריגות, ביז **קדושה**

---

א. **תנא דבי אליהו:** "אם רוצה אתה ללמוד וחפץ אתה בדברי תורה, צא למד מראשו של ענין... כשעמדו אבותינו על הר סיני לקבל עליהם תורה מסיני, אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, לך אל העם וקדשתם וגו'... כך אמר להם, בדלו עצמכם מעבירה ומגזל ומדבר מכוער, כדי שתהו כולכם טהורים בשעה שתעמדו על הר סיני".

ב. **זרע קודש:** "ארון רומז לאור התורה, שהם הנ' שערי בינה, וזהו ארו"ן רומז אותיות או"ר נו"ן, והנה להשיגם הוא על ידי תשובה שהם נ' שערי תשובה, שבכל פעם שבא לשער תשובה אחד, מסיר מאיתו ע"ז הבגדים הצואים ומסכים המבדילין, וע"ז לובש חלוקה דרבנן לבוש טהרה על נשמתו, ויתן לו לב מבין בשער א' מנ' שערי בינה, וכן בכל פעם, הבינה להבין





**מביא לידי רוח הקודש.** דאס הייסט אז די התחלה פון אלעס איז תורה הק', תורה איז דער פתח און דער שליסל צו יעדע דרגה צו וואו א איד וויל זיך נאר דערהייבן נאנטער צום אויבערשטן.

דער הייליגער **באר מים חיים** שרייבט (סידורו של שבת דרוש ד' פרק א) א מורא'דיגע לשון: **"עס איז נישט דא קיין צווייטע אופן וויאזוי א איד זאל זוכה זיין זיך מדבק צו זיין מיטן רבש"ע, נאר דורך תורה הקדושה!** ווייל 'אורייתא וקודשא בריך הוא הוא חד' (זוה"ק אחרי עג.), און דער רצון פון בורא כל עולמים, דער נותן התורה, איז באהאלטן אין די תורה. און **ווער עס איז זוכה צו טועם זיין די גליסטעניש פון די תורה, איז אים מער באליבט און חביב איין שעה פון לימוד התורה מער ווי אלע תענוגים פון דער גאנצער וועלט!**"[ג].

ג

# ראשית חכמה יראת ה': די ליכטיגקייט וואס ליגט באהאלטן אין תורה – נאר דורך שמירת עינים

## תורה מיט קדושה איז גאר עפעס אנדערש

ווען מ'דערהערט דאס הייבט מען אן צו פארשטיין אסאך טיפער פארוואס טהרה און שמירת עינים איז אזא וויכטיגער תנאי צו תורה, ווייל וויפיל שמירת עינים איז דער שליסל צו באקומען די ערשטע דרגא פון תורה; צו פשוט פארשטיין דאס לערנען - ווי דערמאנט אין אנהויב פון דעם מאמר - איז דאס נאך אסאך מער גילטיג ווען ס'קומט צו דעם חלק פון 'קדושת התורה', וואס שמירת עינים איז **דער איינציגער וועג וויאזוי מ'קען זוכה זיין צו די קומענדיגע שטאפלען פון דעם אור התורה**, אז די תורה זאל דערהייבן און הייליגן דעם מענטש. **וויפיל מער טהרה און אפגעהיטנקייט, אזויפיל קען מען העכער שטייגן דורך די תורה**, ווייל אויב האט מען חלילה נישט קיין טהרה, פארלירט מען דעם קשר צו דער ליכטיגקייט פון תורה, און מ'בלייבט אן גארנישט.

דער יסוד ווערט נתבאר אין ספה"ק **ליקוטי תורה** פון הרה"ק **רבי מרדכי טשערנאבלער זצ"ל** (פרשת משפטים), אז לכאורה איז דא א סתירה: פון איין זייט זענען פאראן אסאך מאמרי חז"ל אז נאר דורך תורה קען מען אנקומען צו יראת שמים (אין בור ירא חטא, בראתי יצר בראתי תורה תבלין, המאור שבה מחזירו למיטב, וכו'). אבער פון דער אנדערער זייט זענען דא אסאך מאמרי חז"ל אז קודם דארף מען האבן יראת שמים, און ערשט נאכדעם קען מען זוכה זיין צו א השגה בתורה, (כל שיראתו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת וכו'). אויב אזוי, וועלכע זאך קומט צוערשט? תורה ברענגט יראה, אדער יראה ברענגט תורה?

> אזוי איז אריבער חדשים און יארן, ביז א קלוגער מענטש האט אים געזאגט: "דו ווייסט וואס דו פארמאגסט דא העכער דיין קאפ?! דו נוצט דאך ממש א מיליאנסטל פון דעם פאטענציאל וואס דיין טאטע האט דיר געגעבן! די שיינע זאכן פון דעם אונטערשטן שטאק זענען ניטאמאל א משל צו די אוצרות וואס דו קענסט ערריכן אויב דו וועסט אנהויבן ארויפגיין א שטאק נאך א שטאק!"

נאר - זאגט **רבי מאטעלע טשערנאבלער** זצ"ל: עס זענען פאראן צוויי סארטן תורה. ס'איז דא די פשטות'דיגע לימוד התורה וואס ברענגט אריין יראת שמים אין א איד. די סארט לימוד התורה קומט טאקע בעפאר יראה, און דאס איז משפיע הייליגקייט פאר דעם מענטש וואס לערנט. אבער ס'איז דא א טיפערע מדריגה פון תורה. **דאס איז א תורה וואס רייניגט און דערהייבט דעם איד.** עס איז מזכך די נשמה און ס'איז ממשיך דעם צלם אלקים אויף אלע רמ"ח אברים! אט די סארט תורה וואס מאכט אונז פאר א צלם אלקים, קען מען באקומען **'נאר נאכדעם וואס מ'איז אפגעהיטן מיט יראת שמים'.**

## קדושה איז מגלה די אור התורה

דאס הייסט אז יעדע חלק פון לימוד התורה איז זייער חשוב, אבער כדי צו קענען זוכה זיין אז די תורה זאל אמת'דיג באלייכטן און דערהייבן אז די שכינה זאל רוען אויף'ן מענטש, איז דאס **נאר ווען מ'איז שטארק נזהר אין קדושה וטהרה** מיט שמירת עינים און שמירת המחשבה.

מיט וויפיל מער טהרה די תורה ווערט געלערנט, אזויפיל מער איז עס משפיע דביקות און פנימיות'דיגער קשר צום רבוש"ע. אויב עס פעלט פון די אפגעהיטנקייט, פארפאסט מען די אמת'ע פאטענציאל וואס ליגט אין דער הייליגער תורה. אזוי שטייט טאקע אין די הדרכות פון **רבי מאטעלע טשערנאבלער זצ"ל**[ד], אז אויב א איד איז חלילה פוגם אין די אויגן אדער אין די מחשבה, פארשטעלט ער זיין נשמה אז זי זאל זיך נישט קענען מדבק זיין צו די ווערטער פון דער תורה. אבער אויב ער איז יא אפגעהיטן, קען ער דערהויבן ווערן און זיך מקשר זיין צו דער קדושה פון דער תורה הק'!

ד

# המאור שבה: די צוויי 'קניני התורה' פון 'מתיקות התורה' און 'בראתי תורה תבלין'

## די מתנה פון שפירן זיסקייט אין תורה

איינס פון די סימנים אז די תורה האט טאקע געברענגט פאר'ן מענטש אן אינערליכן קדושה פון דביקות צו השי"ת, שטייט אין ספרים הק' אז דאס איז: **ווען מען איז זוכה צו שפירן די זיסקייט און נשמה'דיגע נעימות וואס ליגט אין דער תורה**[ה].

די הייליגע תורה איז דאך מתוקים מדבש ונופת צופים, ווי דאס באקאנטע לשון פון דעם אור החיים הק' (פרשת תבא): **שאם היו בני אדם מרגישין במתיקות ועריבות טוב התורה, היו משתגעים ומתלהטים אחריה, ולא יחשב בעיניהם מלא עולם כסף וזהב למאומה.**

דער אוה"ח הק' רעדט נישט בלויז פון די

---

התורה הקדושה תלויה בתשובה, שעי"ז לובש לבוש טהור".

ג. **סידורו של שבת:** "אין אופן אחר שיזכה להתדבק אל אור אין סוף ב"ה וב"ש הנעלם מעין כל חי אם לא ע"י התורה הקדושה, שאור אין סוף ב"ה נעלם ונסתר בתוך התורה, אורייתא וקדשא בריך הוא חד, שהוא רצון אין סוף ב"ה נותן התורה ונעלם בתורתו, ומי שזוכה לטעום בנפשו חשוקה זו אהוב וחביב עליו שעה אחת של לימוד התורה יותר מכל חיי העולם הזה ומחמדיו".

ד. **ליקוטי תורה הדרכה ג:** "כאשר פוגם האדם באבר אחד מאבריו, הן במחשבה הן בדיבור הן במעשה, ואינו שומר השלש בריתות שנכרתה התורה עליהן (ברכות מח, ב) כי בזה תלוי קוים התורה, וכאשר אינו שומר השלש בריתות, ופוגם חלילה במחשבה... וכאשר חושב כל היום במחשבות זרות או בהסתכלות חלילה, אזי פוגם אור הנשמה כי משכן הנשמה הוא במח ובמחשבה... וכאשר קורע הלבושים ובגדים הצואים, הן במחשבה כנ"ל ששומר ברית עינים כמאמר הכתוב (אוב לא א) ברית כרתי לעיני... אזי קדוש שרוי בתוך מעיו (תענית יא, א) ויוכל להתרומם ולהתעורר מזה לדיבורי תורה ותפלה, לקשר רוחא ברוחא, ולהמשיך עליו רוחא וחיי דלעילא."

ה. **ראה בספר בכורי אביב** (ראדזמין, פר' כי תבא, מובא בספר כתבי הקודש שער התורה): **"כמו אם הגוף צמא אם שותה מים יש לו הנאה, כן צריך להיות לו הנאה מן התורה, להיות לו צמאון לתורה,** על כן התורה נמשלה למים (ישעיה נה, א), ונמשלה לדבש כמו שכתוב (תהלים יט, יא) 'ומתוקים מדבש', ואם אדם אוכל דבש ויש לו הנאה, צריך להיות לו צער שאפילו הנאה קטנה כזו אינו

גשמיות'דיגע הנאה ווען מ'פארשטייט א שיינע חכמה און מ'האט ארויס א סוגיא. די אמת'ע זיסקייט און נעימות פון תורה איז **די טיפע תענוג וואס מ'קען זוכה זיין צו שפירן ווען מ'איז זיך מדבק צום רבוש"ע דורך לימוד התורה.** ווייל ווען א איד איז מרגיש די געטליכקייט וואס ליגט באהאלטן אין דער תורה, באקומט ער אויטאמאטיש א מורא'דיגע מתיקות אין יעדע ווארט וואס מ'לערנט.

## שפירן דעם זיסקייט און מתיקות התורה – געוואנדן לויט וויפיל טהרה און שמירת עינים

אבער די ספרים הק' זענען אונז מזהיר אז די תנאי צו מתיקות התורה איז קדושה. ווען א איד וויל באקומען אט די אינערליכע זיסקייט פון תורה, **איז דאס געוואנדן לויט וויפיל ער שטרענגט זיך אן צו זיין הייליג.** ווי עס שטייט אין ספה"ק **קרן לדוד** (שבועות אות ט) אז די תורה הק' איז אודאי 'יקרה מפנינים', אבער אויב מ'היט זיך נישט אפ פון פגמים, קען מען נישט זוכה זיין צו שפירן דאס נעימות פון תורה(ו). דאס זעלבע שטייט אין ספה"ק **בהיות הבוקר** (להגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל, אות ג) אז **נאר א איד וואס פירט זיך בקדושה קען זוכה זיין צו טועם זיין די אמת'ע זיסקייט און ליכטיגקייט פון תורה**(ז).

דער הייליגער **באר מים חיים** (סידורו של שבת ח"א שורש שביעי ענף א) איז שטארק מאריך צו וועלכע אויסטערלישע מדריגות מ'קען אנקומען דורך תורה, ביז צו 'אהבה בתענוגים', וואס אלעס אויף דער וועלט קומט נישט צו דעם גרויסן תענוג, און דערנאך שרייבט ער, אז נישט יעדער איז אייניג דערמיט, צו קענען שפירן דעם מורא'דיגן אור, נאר **'כדרך שבא לראות כך בא ליראות'** (ע"פ חגיגה ב.), וויפיל ריינער א איד איז, אלץ מער שפיגלט זיך אפ די קדושת התורה אין אים, און ער איז זוכה צו שפירן לפי מדרגתו דעם געוואלדיגן תענוג פונעם אור התורה.

דאס זעלבע שרייבט מרן הגה"ק **מסאטמאר** זי"ע אין **דברי יואל** (שמות דף קכג ד"ה ולדרכנו) אז די תורה הקדושה איז דאך 'נחמדים מזהב ומפז ומתוקים מדבש ונופת צופים', ווער ס'איז נאר טועם דעם טעם פון תורה, איז נישט דא פאר אים קיין גרעסערע זיסקייט און עריבות מער דערפון, **אבער דאס איז נאר אויב דער מענטש איז זוכה צו א ריינעם נפש און א ריינעם דעת, דאן איז די תורה אזא גרויסער עונג מער פון אלע מחמדי תבל,** און דעמאלט איז מען זוכה צו פארשטיין די עומק התורה, אבער אז מ'היט זיך נישט, ווערט א מסך

> באר מים חיים: ווער עס איז זוכה צו טועם זיין די גליסטעניש פון די תורה, איז אים מער באליבט און חביב איין שעה פון לימוד התורה מער ווי אלע תענוגים פון דער גאנצער וועלט!

המבדיל און דער דעת ווערט געפאנגען, דאס גאנצע לערנען ווערט א שווערע זאך, און מ'איז נישט זוכה צו שפירן דעם גרויסן נעימות התורה.

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז א אינגערמאן אריין צו הרה"ק רבי **יעקב יוסף מ'סקווירא** זצ"ל און זיך אפגערעדט אז אין די לעצטע צייט האט ער פארלוירן זיין חשק צו לימוד התורה, און ער שפירט ביי זיך אז ער איז געווארן נאכגעלאזט און געפאלן פון זיין מדריגה אין התמדת התורה. דער סקווירא רבי האט אים אויסגעפרעגט ביז דער יונערמאן האט דערציילט אז ער איז געווען אויף א פלאץ וואס איז געווען דארט נסיונות אין שמירת עינים, דאן האט זיך דער רבי אנגערופן, **"נא, איז עס שוין נישט קיין חידוש"...** (ח)!

## די מתנה פון 'תורה תבלין'

נאך א געוואלדיגער מתנה וואס מען באקומט נאכדעם וואס מ'איז זוכה צו משיג זיין די פנימיות'דיגע קדושה וואס ליגט אין דער תורה, איז **די פארזיכערטע שמירה פון 'בראתי יצר הרע, בראתי תורה תבלין'.** די קדושה פון תורה גיט די כוחות זיך צו קענען מתגבר זיין קעגן אלע מכשולות פונעם יצר הרע (כפי שהארכנו בקונטרס מגנא ומצלא). ווי דער **שם משמואל** זאגט (ברכה תרע"ב ד"ה מה שהאריך), אז אן קיין תורה ועבודה - וואס הייבט אויף דעם מענטש העכער די טבע - קען מען נישט זיין אפגעהיטן(ט)!

דער הייליגער **חתם סופר** (דרשות, דרוש לז' אב שנת תקנ"ה-נ"ח) שרייבט מורא'דיגע ווערטער(י): אז די קדושת התורה איז נאר ווען מען גיט זיך אכטונג אויף קדושת הברית, קדושת הפה, און קדושת העינים, ווייל איינער וואס איז מטמא די אויגן, איז ער מסלק פון זיך די שכינה הקדושה. אבער **אויב פעלט חלילה איינס פון די דריי, איז נישט מעגליך בשום אופן מצליח צו זיין אין תורה,** וואס די תורה איז די איינציגע שווערד וואס מיר פארמאגן קעגן אונזערע פיינט מבית ומחוץ, און אן דעם זענען מיר ווי א מלחמה מאן אן כְּלֵי זַיִין און מיר קענען נישט פירן די מלחמה.

דער **חתם סופר** פירט אבער אויס, אז ס'איז דא איין זאך וואס מיר קענען טון צו מתקן זיין וואס מ'האט פוגם געווען, און דאס איז אויסוויינען דאס הארץ פאר'ן רבש"ע און פארגיסן טרערן אן אויפהער. ווייל טרערן פארמאגן א כח צו מכפר זיין אויף וואס מ'האט זיך נישט געפירט בקדושה אויף אזויפיל מ'זאל קענען צוגיין לערנען די תורה הקדושה, און פון דארט און ווייטער וועט די תורה ברענגען פאר'ן מענטש א גאנצע כפרה און אז ער זאל זיך קענען היטן מכאן ולהבא.

## א סך הכל אויף למעשה:

עס איז פאראן צוויי חלקים אין דער תורה הק'. די ערשטע מדריגה איז **צו לערנען און פארשטיין בפשטות די הייליגע תורה,** וואס דאס ברענגט יראת שמים, בתנאי אז מ'לערנט די תורה מיט א ריכטיגע כוונה און מיט'ן ציל אז די תורה זאל אפהיטן און רייניגן (כפי שהארכנו בקו' מגנא ומצלא פרק ט').

דאן איז פאראן נאך א טיפערע חלק: **די אינערליכע קדושת התורה,** וואס קען דערהייבן

---

מרגיש בתורה שלומד, לידע כמה הוא רחוק מהתורה, דהא הנאת הגוף אין לו דמין כלל לתענוג הנשמה מן התורה... אם אדם עובד את עצמו כראוי מרגישין הנשמה והגוף תענוג אין שיעור מהתורה, **שאין הנאת הגוף מן תאות העולם הזה התחלה כלל לתענוג נשמה מהתורה, אם אדם אינו מרגיש כלל אפילו הנאה קטנה כזו בתורה הוא סימן שרחוק הוא מאוד מהתורה, והתורה לא נכנס כלל לתוך לבו, רק בפיו ובראש**, ולא התחיל להכנס תוך לבו".

ו. **קרן לדוד שבועות אות ט':** "דאמרו חז"ל (אבות ב, יב) והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך, דמי שאינו ראוי לכך, לא יוכל לקבל התורה, ואינו זוכה להרגיש נעימתה ועריבתה. רק כשיתקן מדותיו ויטהרם מפגם, להיות מתוקן במדות נכונות וישרות, אז זוכה להבין מעלת התורה שהוא יקרה מפנינים, וכל חפציך לא ישוו בה."

ז. **בהיות הבוקר:** "מבואר בספרים הק' שרק השומר ברית בטהרה זוכה לטעום מנועם מתיקות תורה הק', אבל אם פוגם בברית, גם אם לומד, מתרבים לו קושיות, ונראה בעיניו הכל כדוחק, כי השגת התורה הק' במוח, ואם נפגם מוחו על ידי שפגם בברית, אין התורה שלומד מיושרת לפניו."

ח. מעשה זו הובא בספר **בפקודיך אשיחה**, וראה בספר **מעדנים לנפשיך** (שער תורה פרק טו) שמביא מכתב מאת **הרה"ק ר' יחיאל יהושע מביאלא זצ"ל**: "בקשר לשאלתך על חוסר החשק להתמדה, דע כי הכל נובע מזה שלא נשמרים בענין המחשבה, והא בהא תלויה, כשתקדש ותטהר מחשבתך יהיה לך רצון ללמוד בחשק".

ט. **שם משמואל:** "ובלתי תורה ועבודה א"א להיות שומר הברית, כמו שאמר ההוא צדוקי (סנהדרין לז א) אפשר אש בנעורת ואינה מהבהבת, והיינו שלפי הטבע א"א להיות שומר הברית, רק בכח התורה והעבודה שמגביהין את האדם למעלה מן הטבע, ועי"ז באין השפעות ישראל נמי למעלה מן הטבע, כי מדתו של יוסף הוא המשפיע."

י. **חתם סופר:** "אמרי חז"ל (קדושין ל, ב) שהתורה תבלין להנצל מיצר הרע. אמנם כל זה כל זמן שלא נטמא גופו בטמאות ברית המעור, וגם ברית הלשון דיבור רע, כי איך פום ממלל תועבות למו ימלל רברבן מלין לצד עילאה, ומצורף לזה טהרת עינים כי המטמאם מסלק השכינה ממנו וכו'. ועל שלשתן אמרתי רמז, 'מה יפו פעמי"ך בנעלים בת נדיב' (שה"ש ז, ב), בתו של אברהם אבינו (סוכה מט, ב), ואמר שיפה לה לנעול פע"ם - נוטריקון פ'ה ע'ין מ'עור - כי שלשתן אדוקים ותכפו זה לזה, ועל כן בהעדר אחד אי אפשר להצלחת עסק התורה בשום אופן, אשר הוא לבד נשאר לנו להיותו חרב בידינו נגד אויבינו פנימי וחיצון, ועתה נשארנו כגבור שאין בידו כלי זיין, ואין אפשר לערוך מלחמה נגד אויבינו.

אך בזאת נאות בשפוך כמים לבנו ועפעפינו יזלו דמעה מאין הפוגות. כי כמו שיש בטיפת הזרע צורת אדם כנזכר והוא נולד על הרוב מראיית עין והסתכלות, כן יש בבת עין כדמות דיוקן אדם הנקרא אישון בת עין, על כן טיפי הדמעות מכפרים קצת על זה באופן שיוטהר על כל פנים שיכול לעסוק בתורה, ואחר כך יתכפר לו לגמרי, כי התורה בגוף טהור מכפרת על כל עונות ומשמרת מיצר הרע מכאן ולהלן".





דעם מענטש צו אלע מדריגות; עס ברענגט אים א צלם אלקים; עס גיט א געוואלדיגע מתיקות פאר'ן איד וואס לערנט; און עס איז מגין ומציל מיט די ריכטיגע כוחות קעגן אלע נסיונות היצר, או"ו נאך גאר אסאך מדריגות צו וואס די תורה ברענגט א איד.

אט די קדושת התורה איז גאר שטארק געוואנדן **לויט די יראה און די קדושה פונעם מענטש**. וויפיל מער א איד רייניגט זיך און שטרענגט זיך אן זיך צו מתגבר זיין פאר'ן אויבערשטן, אלץ שטארקער וועט ער ווערן צוגעבינדן צו די מדריגות וואס ליגט אין תורה. **יעדע קליינע התגברות אין שמירת עינים ושמירת המחשבה, טראגט ארויף צו העכערע דרגות אין קדושת התורה.**

## תורה וואס ווערט געלערנט

## בטהרה איז א שמירה

קומט אויס אז 'תורה' מיט 'טהרה' זענען געקניפט און געבינדן, איינס ברענגט די אנדערע. אן די אור פון תורה קען מען זיך נישט שטארקן אויפ'ן יצר הרע, אבער כדי צו באקומען אט די ליכטיגקייט וואס ליגט באהאלטן אין תורה, דארף מען זיין אפגעהיטן מיט ריינע אויגן און מחשבות. וויפיל מער שמירת עינים, אזויפיל מער קדושת התורה, און וויפיל מער קדושת התורה, אזויפיל מער 'תורה תבלין'!

אין שו"ת **שבט הלוי** (ח"ה סי' א) פרעגט עמיצער אן, אז **חז"ל** זאגן אונז דאך (סוטה כא, א), **"תורה מגנא ומצלא"** - די תורה ראטעוועט דעם מענטש פון עבירות. אבער ער לערנט שוין א סך יארן, און ער זעט נישט ס'זאל אים עפעס ראטעווען; ער פלאגט זיך נאך אלץ מיט שווערע נסיונות אויף וועלכע ער קען זיך נישט מתגבר זיין.

ענטפערט דערויף דער **שבט הלוי**, אז ווען די תורה ווערט געלערנט אויפ'ן ריכטיגן וועג, פארמאגט עס באמת דעם כח צו ראטעווען דעם מענטש פונעם יצר הרע, און דאס וואס מ'זעט נישט אייביג אז ס'איז מציל דעם מענטש, איז וויבאלד ס'ווערט נישט געלערנט בשלימות. און איינע פון די זאכן וואס זענען גורם אז דער לימוד התורה זאל נישט זיין בשלימות איז ווען ס'פעלט אין קדושה, ווייל די צוויי גייען אינאיינעם, אזוי ווי מ'זאגט ביי ברכת המזון, "ועל בריתך שחתמת בבשרינו - ועל תורתך שלמדתנו".

אבער מיט דעם אלעם, שרייבט דער **שבט הלוי** ווייטער, דארף מען אוודאי לערנען די תורה ווי אזוי מ'קען, און מיט דער צייט וועט מען זוכה זיין אז **"המאור שבה יחזירנו למוטב"**, דער כח התורה וועט אים העלפן זיך פירן אינגאנצן בקדושה, און אזוי ארום וועט עס זיין מיט א שלימות[יא].

[יא]. **שבט הלוי:** "יקרת מכתבו קבלתי, ואשר שאל אותי מה שמעיק לו כ"כ שזה כמה שנים שהוא לומד תורה ולא זכה להתגבר, הנה לא יחידי הוא בדבר זה, כי כולנו שואלים שאלה זאת, ובכל זאת נאמנים עלינו דברי חז"ל שתורה מגינה ומצלת מן החטא. ואם בכל זאת לא מצלת, סימן שהתורה אינו שלמה, כי תורה במהותה וכוחה להציל מן החטא, כי תורה שלמה מדרגתה גבוהה מאד מאד. ועם כל זאת אנו מצווים ללמוד כפי האפשר, ובמשך הזמן המאור שבה יחזירנו למוטב, כארז"ל בירושלמי (חגיגה פ"א ה"ז), ואילו לא למדנו ח"ו היה המצב פי כמה גרוע, אלא שחסר השלמות.

ועיקר החסרון בזה, שלומדים תורה אבל שוכחים, כי המכתב מכתב אלוקים הוא, תורת אלוקים הוא והאלוקות בוקע מן התורה בכל מקום, אלא שאין מרגישים, וגם חסרון טהרה וקדושה היא בעכרינו, כי יראת ה' טהורה עמדת לעד, ופגמי קדושת הברית הרבה מאד גורמים, וכל חז"ל מלאים מזה, וכל ספרי מוסר הקדמונים, אע"פ שבחלק מן הספרים לא מדובר כ"כ מזה. 'ועל בריתך שחתמת בבשרנו ועל תורתך שלמדתנו' הם תרי רעין דלא מתפרשין זה מזה כידוע, כי תורה מסייע לקדושה וקדושה מסייע לתורה. ימשיך נא ללמוד ולהשלים עצמו מתוך שמחה וטהרה ויהיה ה' אלוקיו עמו".




# נפלאות הבורא תשפ"ו; שמירת עינים האט באשאפן א נייע הארץ!



## הרב יעקב יוסף בוקסבוים שליט"א דערציילט:

די מעשה האב איך געהערט פונעם בעל המעשה אליינס, וואס האט מיר געבעטן אז כ'זאל עס מפרסם זיין ברבים, מיט זיין אייגענע שפראך:

מיט עטליכע וואכן צוריק איז צו אונז ב"ה געבוירן געווארן א קינד למזל טוב. ביי איינע פון די באזוכן ביים דאקטער, קומט דער דאקטער אריין מיט אן ערנסטע געזיכט: "איך אנטשולדיגט זיך, אבער כ'האב שלעכטע נייעס פאר אייך. דאס קינד האט א הארץ סינדראם, ס'איז נישט קלאר פונקטליך וואָס. מ'דארף דא האבן גרעסערע עקספערטן"...

די בשורה איז אויף אונז געפאלן ווי א דונער אינמיטן העלן טאג. וואו גייט מען? צו וועמען רעדט מען? מיר האבן זיך פארשטענדיגט מיט די געטרייע עסקנים פון 'רפואה העלפליין', וועלכע האבן אונז פארבינדן מיט א גרויסער דאקטער אין דער קאלאמביע שפיטאל. דער דאקטער האט געמאכט א טעסט (Fetal Echo) און ער איז ארויסגעקומען מיט דער זעלבער שרעקעדיגער מסקנא: "אייער קינד האט א זעלטענעם סינדראם מיט'ן נאמען Hypoplastic Left Heart Syndrome. דאס באדייט אז מינימום א האלב יאר נאכ'ן געבורט דארף מען זיין פארנומען מיט אפעראציעס, מעדיצינישע פראצעדורן, און אפזיצן אין שפיטאל. מ'וועט פרובירן און האפנטליך וועט מען קענען ראטעווען דאס קינד."

מיר זענען געווען צעבראכן און צעשאסן. וואס טוט מען דא?! מ'דארף האבן זכותים שלא כדרך הטבע! אין מיין ענגשאפט האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל: "באשעפער טייערער, דו ווייסט דאך אז כ'בין אין דער מוזיק אינדוסטרי; יעדע נאכט בין איך אויפ'ן 'סטעיזש' וואו כ'בין משמח אידישע קינדער ביי חתונות. אבער שטייענדיג אויפ'ן סטעידזש איז שמירת עינים איינע פון די שווערסטע נסיונות. ס'איז שוין א לאנגע צייט וואס איך ארבעט אויף מיר, איך בין זיך מחזק כסדר, איך הער אויס דרשות און שיעורים אויף שמירת עינים, אבער יעצט "רבונו של עולם לאמיר מאכן א בייט, איך וועל דיר געבן מיינע הייליגע אויגן, אוי ווי טאטע, און דו ווערסט מיר געבן א לעבעדיג געזונט קינד אי"ה".

ביי די קומענדיגע שמחות וואו איך בין נאר געגאנגען, האב איך זיך געשטארקט מיט אלע כוחות. אפילו ווען ס'איז געווען גאר שווער האב איך גערעדט צום אויבערשטן: "רבונו של עולם, איך געב דיר מיינע הייליגע אויגן, געב מיר א הייליג געזונט קינד".

ביים קומענדיגן באזוך אינעם דאקטער'ס אפיס האט ער איבערגענומען אלע טעסטס און ער האט נאכאמאל פעסטגעשטעלט אז דאס איז אן ערנסטע הארץ קאנדישאן, און מ'וועט דארפן כאטש אהאלב יאר גיין און קומען אין שפיטאל. האב איך ווייטער מתפלל געווען: "באשעפער, מיר האבן דאך געמאכט א בייט. דו ווייסט וואס עס מיינט פאר מיין שמירת עינים צו גיין און קומען פון א שפיטאל אין מאנהעטן דורכאויס דעם זומער? דו ווייסט וויפיל נסיונות דאס מיינט פאר מיר? באשעפער, איך בין נישט גרייט דערפאר. איך האב זיך אונטערגענומען צו זיין פעלזן שטארק. איך היט מיינע אויגן און דו ווערסט מיר געבן א געזונט קינד."

אין שפיטאל האט מען גלייך אריינגעפירט דאס קינד אין דער 'ניקיא' אפטיילונג. ווען דער דאקטער האט אים אבזערווירט האט ער רעאגירט: "עס איז נישט דאס וואס מיר האבן געמיינט. עס איז זיכער גרינגער, אבער ווארט נאך צו פאר די פיינעל רעזולטאטן".

עטליכע שעה שפעטער קומט דער דאקטער צוריק איינגאנצן איבערגענומען: "איך ווייס נישט וואס איר האט געטון... א וואך צוריק האבן מיר גענומען א טעסט וואס האט געוויזן גאר א שווערע און זעלטענע סינדראם; מיר האלטן יעצט א וואך שפעטער, און עס איז נישט דאס זעלבע הארץ! עס איז פשוט נישט דאס זעלבע הארץ! די טעסטס און די בילדער פון א וואך צוריק ווייזן אן אנדערע הארץ אינגאנצן"...

רבונו של עולם, דער בייט איז געלונגען. איך האב דיר געגעבן מיינע הייליגע אויגן, און דו האסט מיר געגעבן א לעבעדיג געזונט קינד.

**הרב יעקב יוסף בוקסבוים שליט"א פירט אויס די מעשה:**

"טייערע אידן, דער יונגערמאן האָט מיר געוויזן די קאפיס פון ביידע רעפארטס. מ'זעט קלאר די רעזולטאטן פון א וואך בעפאר, וואס ווייזט אז דאס קינד האט אן ערנסטע הארץ פעלער ה"י, און די רעזולטאטן א וואך נאכדעם, מיט א פולקאם געזונטע הארץ! דאס קינד וואס אלע האבן געמיינט אז ער וועט גיין אונטער'ן מעסער פון דאקטוירים, איז ב"ה געגאנגען אונטער'ן טלית פון דעם סנדק אכט טאג נאכ'ן געבוירן, בעתו ובזמנו!

"אויפ'ן פסוק: וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, זאגט דער מדרש: אם שמרתם את התורה הריני מעלה עליכם כאלו עשיתם עצמכם. אויב איר וועט אפהיטן די תורה קען מען זיך אליין איבערמאכן. עס קען באשאפן ווערן א נייע הארץ! ווען א איד מוטשעט זיך אויף שמירת עינים, און ער זאגט: "רבוש"ע, געב א קוק, איך רייס פון מיר שטיקער, בדמייך חיי, עס גייט בלוט פון מיר, איך האלט זיך איין, איך קוק נישט, איך האלט מיינע אויגן הייליג", דעמאלט איז מען זוכה צו רפואות און ישועות למעלה מדרך הטבע!"



# א בריוו פון הארץ:
# אקדמות אינמיטן גאס

**א הארציגע בריוו וואס דער מערכת האט ערהאלטן פאריאר נאך דעם יו"ט שבועות. דער בריוו איז געשריבן פול מיט געפיל און תוכן, ווי דער איד טיילט מיט זיין נסיון און וויאזוי ער האט זיך געשטארקט, ווי מ'קען זיך אסאך לערנען דערפון ספעציעל יעצט אין די זומער חדשים**

א גרויסן יישר כח פאר אייער הערליכן גליון, וואס איז כמים קרים על נפש עיפה און איז מזכה את הרבים אויף אזא גרויסן פארנעם. השי"ת זאל אייך באצאלן מיט אלעם גוטן.

איך וויל מיטטיילן מיין פריוואטן נסיון, וואו דער אויבערשטער האט מיר ליכטיג געמאכט מיט'ן ריכטיגן התבוננות זיך צו קענען שטארקן. אין חכם כבעל הנסיון, און אפשר וועלן אנדערע קענען ארויסנעמען דערפון חיזוק אויף זייערע אייגענע שוועריגקייטן.

דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט מיין נשמה אין א גוף וואס האט גאר שווערע נסיונות אין דעם ענין פון שמירת עינים. בפרט יעדעס יאר ווען ס'הייבט אן ווערן זומער, די וועטערס שמייכלען בעסער צו יעדן און מ'איז מער אינדרויסן, שטארקט זיך זייער דער יצר הרע צו קוקן וואו מ'דארף נישט.

ב"ה היי-יאר איז מען שוין היבש אריין אפאר וואכן אינעם זומער, אבער אנדערש ווי יעדעס יאר איז עס מיר נישט אנגעקומען אזוי שווער. בעיקר ווייל איך בין געווען פארנומען מיט פארשידענע טירדות, און ס'איז נישט געווען צופיל איבריג פלאץ אין מיין קאפ פאר אנדערע זאכן.

ס'איז אנגעקומען דער הייליגער יום טוב שבועות, און אויפאמאל האט זיך דער בחור צעווילדעוועט. איך ווייס נישט וואס האט פאסירט פלוצלינג, אבער ס'האט מיר אנגעהויבן ציען ביים גיין אין גאס צו קוקן אויף אלע זייטן. איך האב געטראכט צו מיר, וואס איז דא געשען? ערשט אפאר שעה צוריק בין איך געזעסן אין שול ביים סידור'ל, און זיך אויסגעוויינט "ודבק לבנו במצותיך ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמך", און דא ציט מיך אזוי דער יצר הרע צו טון דאס פארקערטע?

איך האב געקלערט אז אפשר איז דאס ווייל מ'שלאפט נישט געהעריג און מ'עסט שפעט, מ'האט א פארדרייטן סדר, ממילא איז מען וויניגער מיושב? און אפשר טאקע פארדעם, ווייל מ'איז יעצט אזוי דערהויבן, מ'איז א קאפ העכער, איז כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו? איך ווייס נישט.

אבער דער איד ענטפערט: "וואס איז דען דאס אלץ קעגן דער ליכטיגקייט וואס איז אוועקגעלייגט פאר אונז? די אלע הבלים זענען גארנישט קעגן דעם חשיבות פון זיין א איד!"

אזוי איז ווייטער געווען דער צווייטער טאג יום טוב, דער בחור האט נישט נאכגעלאזט מיט אלע סארטן תירוצים. איך האב פרובירט מעורר צו זיין מיין מחשבה זיך צו שטארקן אויפ'ן מלך זקן וכסיל, ס'האבן זיך אנגעהויבן הערן ווארעמע דרשות חיזוק אין מיין קאפ - דו ווייסט ווי אלע מלאכים זענען דיר מקנא, קיינער פון די צדיקים האבן נישט געקענט געבן פאר'ן אויבערשטן אזא נחת רוח ווי דו קענסט אים יעצט געבן...

דערמאן דיך א גוטע מינוט און א גוט שטיקל ביים דאווענען, צי א ניגון וואו דו האסט געכאפט א התעוררות און געשפירט א קרבת אלקים. וועק אויף אין דיר יענע שטארקע געפילן, און מיט דעם וועסטו אים קענען בייקומען. דאס איז א שטארקער וואפן קעגן דעם יצר הרע:

למעשה האבן די אלע דרשות גארנישט געהאלפן, מיין געפיל איז געווען אסאך שטארקער, און ס'האט מיר ווייטער געצויגן אויף זייער א שטארקן פארנעם.

ביז השי"ת האט מיר אריינגעשיינט, ס'האט מיר אויפגעבליצט אין קאפ דאס בילד ווי איך שטיי א טאג פריער אין שול איבערגעדעקט מיט'ן טלית, און מיט'ן ווארעמען נוסח זאג איך די הייליגע אקדמות. דער פייטן שילדערט פאכמאניש ווי די גוים זאמלען זיך איין און פרעגן די אידן, "מְנָן וּמָאן הוּא רְחִימָךְ שַׁפִּירָא בְּרֵיוָתָא, אֲרוּם בְּגִינֵהּ סָפִית מְדוֹר אַרְיָוָתָא" - ווער איז דאס דיין ליבער פריינט, דו שיין געשטאלט, וואס צוליב אים האט געליטן וואוינענדיג צווישן די לייבן? די פעלקער שלאגן פאָר די אידן מ'זאל זיך אויסמישן און זיין אזוי ווי זיי. אבער דער איד ענטפערט: "וואס איז דען דאס אלץ קעגן דער ליכטיגקייט וואס איז אוועקגעלייגט פאר אונז? די אלע הבלים זענען גארנישט קעגן דעם חשיבות פון זיין א איד!"

אה, די ליכטיגקייט וואס נעמט מיר ארום ווען איך זאג די ווערטער מיט'ן בענקעדיגן נוסח וועקט

המשך בעמוד 8


וואס איז געווען די פחד פון הגה"צ ר' אליהו לאפיאן ביים די 80 יאר?

שער "בימים ההם" זייט 70

דער וואונדערליכער געשיכטע פונעם בעל תשובה אויפ'ן מאטארבייציקל ביים רויטן לאמפ

שער "בזמן הזה" זייט 339



פאר האלסעיל רופט 802.327.3592

צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן

המשך מעמוד 8

אויף די געפילן, אז דאס הארץ גיסט זיך איבער.

אזוי גייענדיג אין גאס, פיר איך אהין מיין מחשבה אונטער'ן טלית, און איך טראכט צו מיר: וואס האב איך געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער אֱרוֹם בְּגִינֵּהּ סְפִית מְדוֹר אַרְיָוָתָא? וואוינען מיר דען היינט צווישן לייבן? די גוים לאזן אונז במנוחה, קיינער שטערט אונז נישט, מיר האבן פרייהייט און אלע גשמיות'דיגע געברויכן. נאר וואס דען, דאס זענען טאקע די שווערע נסיונות וואס נעמען אונז ארום מיט שפיציגע נעגל, און מ'פילט צומאל ווי מ'קען זיך נישט ארויסזען דערפון. דאס התרגשות פון די הייליגע ווערטער מיט דעם הארציגן נוסח האט מיר אביסל געהויבן דעם קאפ, איך זאל מיך קענען שטארקן אויפ'ן יצר הרע.

איך האב שפעטער געטראכט, אז מעגליך קען דאס זיין די כוונה פון דעם וואס די גמרא זאגט, "אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש." צומאל איז דער יצר הרע אזוי שטארק, אז ס'העלפט נישט קיין דרשות און קיין גוטע געדאנקען - ער ברענט יעצט אין הארץ אויף א מורא'דיגן פארנעם. וואס איז די עצה? כאפ אן דיין מחשבה, און פיר עס אריין אין בית מדרש! דערמאן דיך א גוטע מינוט און א גוט שטיקל ביים דאווענען, צי א ניגון וואו דו האסט געכאפט א התעוררות און געשפירט א קרבת אלקים. וועק אויף אין דיר יענע שטארקע געפילן, און מיט דעם וועסטו אים קענען בייקומען. דאס איז א שטארקער וואפן קעגן דעם יצר הרע; אז מ'געפינט זיך אין א מצב וואו מ'קען נישט זיין מח שליט על הלב, זאל מען מאכן לב שליט על הלב, אש אוכלה אש.

א יישר כח נאכאמאל פאר'ן אונז כסדר מחזק זיין קעגן די נסיונות הדור. השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן ווייטער קענען טון זיין רצון בלבב שלם.

(-) א 35 יעריגער יונגערמאן


יונגעלייט!

# וואס איז אייער פלאן אויף די זומער?

באקומט די ריכטיגע טולס פאר די זומער-נסיונות!

סיי'ט אייך אויף צו באקומען יעדן "טהור-עינים-גליון"

שיקט אייער אימעיל אדרעס צו:

**845.999.4114**

אדער דרוקט עקס. 1-4 צו איבערלאזן א מעסעדזש

info@tahoreineyim.org

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114

נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בלשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: 732.532.2242

המערכת בספאניש: 054.115.219.8810

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל 07421307356

לכל עניני בעלגיע - אנטווערפן +32 488 61 11 63

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
#1-3 845.999.4114

## על הטוב יזכר

**זכות 3000 גליונות**

הר"ר **יואל גאטליעב** שליט"א
לזכות יואל בן אסתר לבריאות השלימות ולשידוכים טובים ולפרנסה בהרחבה
ולזכות כל יוצא חלציו להצלחה בכל ענינים ולזכות לבנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות

**זכות 1000 גליונות**

הרה"ח ר' **חיים בצלאל בלום** הי"ו • הרה"ח ר' **בערל שטיין** הי"ו לע"נ אביו הרה"ח ר' מאיר ב"ר משה • הר"ר **ישראל יוסף לאבין** שליט"א לרגל **הולדת בניו** למז"ט • הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו • הר"ר **אברהם אלי' פידריך** הי"ו לרגל **הולדת בתו** למז"ט • **הרוצה בעילום שמו** לע"נ רבי **ברוך** בן **מנחם מענדל** ז"ל • הר"ר **יחזקאל יואל סאמעט** הי"ו לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **אהרן יושע גליק** הי"ו לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יואל** ברש"ז **פאלאטשעק** הי"ו לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **שמואל ישעי'** בר"ז **רעטעק** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **מרדכי אילאוויטש** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יואל ג'ברא** הי"ו **לזכות בנו החתן** משה ארי' בן אסתר

מלכה לרגל נישואיו למז"ט

**זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.**

## בשורה טובה

נאכן גרויסן פארלאנג פון ישיבות אויפ'ן קונטרס "מגנא ומצלא", ווילן מיר מעלדן מיט פרייד אז **מיר האבן איבערגעדרוקט דעם קונטרס בשעה טובה**




וועלכע ישובה וואס וויל דאס טיילן פאר די בחורים זאלן ביטע פארבינדן מיטן מערכת
**845.999.4114**

**ווערט א 'מזכה', און זייט זוכה צו אלע ברכות וישועות // 845.999.4114**